Algemeiner Journal

דער

A NATIONAL JEWISH JOURNAL

אלגעמיינער זשורנאל

FRIDAY, JUNE 11, 2004 ב"ה, ויום ו', כ"ב סיון תשס"ד פרייטיק, יוני 11, 2004

# לאנדאנער דיין שילדערט וואס ער האט געזעען אין אינדיע ווען ער איז געפארן אין א בודיסטישן טעמפל אויספארשן צי מ'שניידט דארט האר אלס א טייל פון גאטעסדינסט צו א געטשקע

- הרב דאנער, שליח פון ישראל-רבנים קיין אינדיע, גיט איבער עדות-באריכט אז די געצנדינערס שענקען זייער האר אלס קרבן און מתנה צו די געטשקעס. - הרב משה שטערנבוך, וועלט-בארימטער גאון און ראב"ד פון ירושלימער בית-דין דערקלערט אז די האר-שניידעריי איז א געצנדינסט און די שייטלען זענען אסור מיט א הארבן און פערמאנענטן איסור. – הרב שטערנבוך אסר'ט אויך די שייטלען פון אייראפע

ספעציעל צום "אלגעמיינעם זשורנאל"

**• פון יעקב בריל**

פאריקע וואך האב איך איבערגעגעבן אין "אלגעמיינעם זשורנאל דעם פסק פון הרב יצחק עבאדי, וועגן דעם צי מען מעג טראגן א שייטל וואס די האר קומען פון אינדיע און צי עס איז פאראן א חשש פון עבודה זרה אין די דאזיקע האר. אויך איז געווען געדרוקט אין "אלגעמיינעם זשורנאל" דער פסק פון הרב יצחק רייטפארט פון בארא פארק, וועלכער האט ארויסגעגעבן א קונטרס וועגן דער שייטלען-שאלה.

היינט וויל איך באריכטן וואס עס זאגט דער לאנדאנער דיין הרב דאנער און דער ירושלימער רב הרב משה שטערנבוך.

אויף דער שאלה פארוואס אן אנדער חרדישע בית-דין אין ישראל האט ניט דערקלערט א בולטן איסור, נאר געדופן צו טוישן די שייטלען וואס פריער אויף אזעלכע וואס זענען פראדוצירט פון האר וואס קומט נישט פון אינדיע, האט הרב דאנער דערקלערט אז דער שליח פון די אנדערע רבנים איז נישט אנגעקומען אזוי טיף אינעם טעמפל ווי ער און זיך נישט צוגעזען פון דער נאענט צום עבודה-זרה דינסט מיט דער האר-שניידעריי צו די געטשקעס. ער האט זיך דאס אלץ אבער איבערצייגט און צוגעזען מיט די אייגענע אויגן.

"איך האב געזען דעם גאנצן פראצעס און געשמועסט מיט די וואס זענען מקריב קרבנות", זאגט עדות הרב דאנער. "זיי האבן מיר געזאגט קלאר אז די וואס גאלן זיך זענען מקריב די האר צו עבודה זרה, און די שערערס טוען דאס אויך פאר עבודה-זרה.

"איך בין געווען איבערראשט", זאגט הרב דאנער, "צו זען אז זיי ווייסן גוט דעם פראצעס פון קרבנות, און זיי זענען מקריב און מקטיר קטורת, און זיי האבן אויך א שחיטה."

"ס'איז א קאמפליצירטער פראצעס, און איך האב איבערגעגעבן די אינפארמאציע צו די רבנים."

"די גלחים, וואס רופן זיך 'כהנים'", האט הרב דאנער ווייטער באריכטעט צום צייטשריפט "משפחה", "האבן מיר געזאגט אז די סיבה פון דער האר-שניידעריי איז ווייל די האר ווערט 'געשאכטן' פאר דער עבודה זרה. בשעת'ן זיך שערן, לייגן די געצנדינער די האנט אויפ'ן הארצן און זאגן א תפילה צו דער געטשקע."

הרב דאנער דערציילט ווי ער איז איבערראשט געווארן פונעם פאקט וואס ס'רעדט זיך אין א פולשטענדיקער צערעמאניע פון 'עבודה'. "איך בין אריין אין נאך צימערן און גערעדט מיט אנדערע גלחים און אויך זיי האבן דערציילט אז די וואס גאלן זיך אפ לייגן די האנט אויפ'ן הארצן און מורמלען תפילה-געבעטן. זיי האבן געזאגט אז

זיי האבן א גאנצן סדר פון כוונות. זיי דרייען אויס דעם קאפ און קערפער צו פארשידענע ריכטונגען, 'שעכטנדיק' די האר, ווייל יעדע זייט האט אן אייגענעם 'ייחוד'. זיי האבן מיר מסביר געווען דעם חילוק צווישן 'הקרבה' און 'הקטרה' ווען מ'לייגט יא קטורת און ווען ס'איז גענוג די האר אליין."

"זיי [די פילגרימען] באקומען נישט קיין געלט פאר'ן האר", באטאנט הרב דאנער. "זיי גאלן זיך אלס א דאנק צו דער געטשקע פאר א טובה, אדער זענען מתפלל א בקשה. פון מיינע געשפרעכן מיט די וואס האבן זיך געגאלט, האט זיך מיר ארויסגעשטעלט אז זיי ברענגען די האר אלס א מתנה צו דער געטשקע, ווייל ער 'האט ליב אונזער האר'."

הרב דאנער, וואס איז געווען אין טירופאטי אכט-און-פערציק שעה און לאנגע שעהן פון טאג געפארשט די ריטואלן פון דער געצנדינעריי, אידער ער האט געמוזט איילנדיק אנטרונען ווערן, נאכדעם וואס די אויטאריטעטן האבן אים פארדעכטיקט אלס שפיאן און גענומען אים נאכשפיאנירן שטילערהייט, דערקלערט אז כאטש ס'איז נישטא קיין

סטאטוע פון דער געטשקע אינעם זאל פון דער האר-שניידעריי, ווערט אבער דאס גאנצע פלאץ באטראכט ווי זיין 'היים'."

הרב דאנער האט געהאט א גרויסן דערפאלג און סייעתא-דשמיא דערמיט וואס די אויטאריטעטן און גלחים האבן אים באטראכט אלס

אפיציעלער שליח פון דער פאליציי און אים דערלויבט אריינטריט איבעראל און געענטפערט אויף אלע זיינע פראגן. "זיי זענען זייער פארזיכטיק און פארדעכטנדיק", דערציילט הרב דאנער וועגן די גלחים אין דער האר-שניידעריי געביידע. "די פאליציי איז אריין אינעם אינעווייניקסטן קאמפלעקס, וואו ס'דרייען זיך נישט קיין טוריסטן, און נאר די פאליציי איז ערלויבט אריינצוקומען. זעענדיק ווי מיר זענען אנגעקומען מיט דער פאליציי, און מיינענדיק אז מיר זענען אן אפיציעלע פאליצייאישע דעלעגאציע, האבן אלע, אויך די גלחים וואס היטן אויף שטיל-שווייגעניש, פארשטאנען אז ס'רעדט זיך פון א געמיינזאמער אקציע מיט דער פאליציי, און זיי האבן אונז געגעבן די גאנצע

דרעלעוואנטע אינפארמאציע."

אויסער הרב עבאדי, זענען געווען אויך אנדערע רבנים וואס האבן געוואלט מתיר זיין די שייטלען, אבער הרב דאנער טענהט אז די אלע ארגומענטן קעגן דעם איסור זענען גרונטלאז, און בלויז די וואס האבן זיך נישט אליין איבערצייגט אינעם געצנדינסט אינעם עבודה-זרה קאמפלעקס טענהן אז די האר-שניידעריי איז נישט קיין עבודה-זרה אקט.

"טייל פון די רבנים האבן געשמועסט מיט מיר, אדער איך מיט זיי. ווי איך האב שוין באהויפטעט, האב איך די פאקטן וואס מיינע אויגן האבן געזען. איך האב געזאגט צו טייל פון די רבנים, אז זיי זאלן פארן קיין אינדיע. איך בין גרייט זיי העלפן און זאגן מיט וועמען צו רעדן, און זאלן זיי פעסטשטעלן די פאקטן און באשליסן. איך האב באריכטעט דאס וואס איך האב געזען, און איך האב פעסטגעשטעלט די אלע פרטים וואס מ'האט פון מיר פארלאנגט."

אויף דער באמערקונג אז פאראן אזעלכע וואס האלטן אז די פאקטן זענען אנדערש ווי דאס וואס ער האט איבערגעגעבן, דערקלערט הרב דאנער:

"דאס איז מיר מאדנע. מיר זענען געווען דארט דריי מענטשן און געפארשט די הלכהשע און פאקטישע אספעקטן פון דער האר-שניידעריי צעדעמאניע אין די טיפלהס. מיר האבן אלץ גוט פעסטגעשטעלט. דער אינדיאנער גוי האט אונז אלץ איבערגעטייטשט. שטעלט זיך ארויס אז ס'איז גדינגעד אנצוװארפן שולדן און אויפברענגען טענות, ווי איידער זיך פארמעסטן מיט די פאקטן."

"ווי אזוי די גדולי התורה וועלן מחליט זיין, אזוי דארף מען זיך פירן. איך ווייס וואס איך האב געזען. געווען אזעלכע וואס האבן זיך מיט מיר פארבונדן און געזאגט אז איך האב פאראורזאכט א שטארקן פינאנציעלן שאדן פאר אירישע אימפארטירעדס. איך האב זיי דערקלערט אז איך האב געבדענגט די פאקטן, און די גדולי התורה האבן קלאר געמאכט זייער שטעלונג. ווען איך בין געווען דארט, האב איך געזען ווי מענטשן פארברענען האר מיט קטורת. דער געטשקע-דינסט דארט איז אומשאצבאר. דער גאנצער בארג איז פול מיט פארשידענע געטשקעס. ס'איז פאראן 'תקרובת' און ס'איז פאראן 'הקטרה'."

"איך דעבאטיר נישט מיט די וואס ווילן זיך קעגנשטעלן אויף די אויספירן וואס קומען ארויס פון מיינע רייד", גיט צו הרב דאנער. איך ווייס אויך אז אין די ביכער וועגן הינדואיזם שטייט נישט וועגן דעם ריטואל, אבער איך האב עס געזען מיט מיינע אויגן און געשמועסט מיט די וואס האבן מקריב געווען די האר. ווער ס'וויל זיך קריגן אויף די אויספירן, ווערט געבעטן צו פארן און ברענגען אנדערע עדותן."

אויף מיינע אנפראגן צום ראש-אב-בית-דין פון דער "עדה החרדית" אין ירושלים, הרב הגאון רבי משה שטערנבוך שליט"א, האט מיר דער גאון דערציילט, אז הרב דאנער האט בלויז באשטעטיקט די אינפארמאציע וואס ער האט שוין געהאט פון אן א שיעור מקורות און עדותן פון פריער. דער גאון האט גע'פסקנ'ט אנטשלאסן אז די האר-שניידעריי הייסט 'זביחה', ס'איז אזוי ווי אן עבודה, און אז די האר איז אסור וועגן 'תקרובת'.

קעגן דער טענה פון די פראפעסארן אז די האר-שנייעדריי איז בלויז ווי א געלט-נדבה פאר דער עבודה-זרה, האט הרב שטערנבוך געזאגט אז ס'איז נישט ריכטיק, ווייל הונדערטער יארן האבן זיי זיך אזוי געפירט, כאטש די האר איז נאך דעמאלט נישט פארקויפט געווארן.

הרב שטערנבוך האט מיר געזאגט אז לויט'ן שולחן-ערוך איז דער איסור א האדבער און ס'וועט קיינמאל נישט מותר ווערן, נאכדעם וואס די גאונים פון ישראל האבן עס געאסרט.

הרב שטערנבוך האט צוגעגעבן אז אפילו אויב ס'וואלט יא געווען מותר, איז עס מיאוס פאר אן אשה כשרה אנצוטאן די שייטלען פון האר וואס איז אפגעשוירן געווארן פאר דער עבודה-זרה, און ס'קען זיין אז די תפילות ווערן נישט אנגענומען און אויך אנדערע צרות פאסירן חס-ושלום צוליב דעם. דער גאון האט מיר געזאגט אז ער וואונדערט זיך אויף די אידן וואס זענען מחמיר אין אנדערע איסורים מיט אלע מינים חומרות און חששות, און זוכן היתרים אין אן איסור וואס איז דער יסוד פון אונזער רת און אמונה.

ער האט צוגעגעבן אז די אלע פרויען וואס האבן אויסגעטאן די שייטלען, האבן מקדש שם שמים געווען בדבים און האבן א גוו'טן זכות אינעם יום הדין, און דער וואס האלט צוריק די פרויען פון טאן די מצוה ווי די אנווייזונג פון די גדולי הדור, טראגט אויף זיך א גרויס אחריות.

וועגן די שייטלען פון האר פון אייראפע, האט הרב שטערנבוך געזאגט אז די שייטלען זענען אסור, און די פארקויפערס און הענדלער פון די שייטלען זענען בכלל נישט באגלייבט צו זאגן אז די האר קומט פון אייראפע אדער פון אנדערע פלעצער אויסער אינדיע. די שייטלען פון אייראפע וועלן זיין מותר נאר מיט א הכשר פון רבנים.

נאך א וויכטיקע באמערקונג האט מיר דער ירושלימער רב און גאון געזאגט, אז ס'איז נישטא קיין היתר צו דעם וואס פיל נייגעריקע מענטשן פאראינטערעסירן זיך איצט און שטודירן ביכער און אינפארמאציע וועגן דעם הינדואישן גלויבן. דאס איז מותר פאר איינעם וואס פיל דערווארטן זיין פסק-הלכה, האט מיר דער גאון הרב שטערנבוך געזאגט.